בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת שופטים תש"פ** **גליון 565 [שנה י"ב]**

**מען דארף מכבד זיין מנהיגים אין אלע דורות**

שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ לִשְׁבָטֶיךָ וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק: (טז יח) פארוואס דארף שטיין תִּתֶּן "לְךָ" און אויך ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן "לְךָ"? רש"י לִשְׁבָטֶיךָ, איז מפרש "לְךָ" גייט ארויף אויף שטעלן שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים פאר יעדן שבט, אבער לויט דעם דרש, דארף נישט שטיין צוויי מאל "לְךָ"? נאר מען זעהט קלאר אז אין יעדן דור ווערן שוואכער די גדולי תורה און בעלי מדריגות, אבער א מענטש טאר נישט זאגן איך וועל זיך נישט אונטערטעניגן אונטער היינטיגע מנהיגים, ווייל זיי זענען נישט ווי די אמאליגע גדולי תורה, ווייל מען זעהט אין די משנה (ר"ה פ"ב מ"י) פארוואס רעכענט נישט אויס די תורה די נעמען פון די שבעים זקנים? אונז צו לערנען אז אין אלע דורות ווען מען וועט אוועקשטעלן דריי דיינים אויף אידן, וועלן זיי זיין אזוי חשוב ווי בית דינו פון משה רבינו. און דער טעם איז, ווייל חז"ל זאגן יפתח בדורו כשמואל בדורו, ווייל דער רבש"ע גיט די מנהיגים לויטן דור, און אויב דער דור וואלט געווען מער חשוב, וואלט דער אויבערשטער געשטעלט גרעסערע מנהיגים און דיינים, דער אויבערשטער וויל נאר אז מען זאל זיך אונטערטעניגן אונטער א דיין ווייל אויב נישט וועט נישט קענען זיין קיין ריכטיגע משפט, דאס קען זיין פשט אין פסוק שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים "תִּתֶּן לְךָ" און מקבל זיין מרות אונטער זיי, איי וועסטו זאגן אז היינטיגע דיינים און מנהיגים זענען נישט ווי אמאל, זאגט די תורה, אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ "נֹתֵן לְךָ", -צו דיר- לויט דעם דור גיט ער מנהיגים, איז נישט די חסרון אין די מנהיגים נאר אין דעם דור! דעריבער מוז מען מכבד זיין די מנהיגים און דיינים פון יעדן דור. (אמרות ה' הגאון ר' משה אריה ליטש רוזנבוים)

**צוויי סארטן נותני צדקה**

צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ: (דברים טז כ) אלע פרעגן פארוואס שטייט צֶדֶק צֶדֶק צוויי מאל? אויך איז שווער דאס וואס שטייט לְמַעַן תִּחְיֶה פארוואס איז דא שכר אויף דער וועלט? נאר עס זענען דא צוויי סארטן בעלי צדקה, איינער גיט ווייל ער האט א גוטע הארץ און איינער גיט ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן געבן צדקה, און די פראבע איז: דער וואס גיט ווייל ער איז א גוטער און האט רחמנות, איז נאר ווען א ארימאן קומט צו אים גיט ער אים, אבער ער לויפט נישט גיין זוכן ארימעלייט, אזא איינער וועט באקומען שכר אויף די וועלט מדה כנגד מדה, ווייל ער האט מרחם געווען אויפן ארימאן, וועט דער אויבערשטער אויך מרחם זיין אויף אים, אבער שכר אין עולם הבא וועט ער נישט האבן, משא"כ דער וואס גיט מצד ציווי ה', ער גייט זוכן ארימעלייט, צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן און געבן צדקה, און דאס איז די ריכטיגע צדקה, און פארדעם איז זיין שכר גאר גרויס אין עולם הבא. דאס קען זיין פשט: צֶדֶק צֶדֶק, די צוויי סארטן געבן צדקה, און די ערשטע צֶדֶק רעדט מען פון דער בעל רחמנות, און די צווייטער צֶדֶק רעדט מען וועגן דער וואס זוכט ארימעלייט, ער איז צֶדֶק "תִּרְדֹּף", ער לופט זוכן ארימעלייט, לְמַעַן תִּחְיֶה, אזא איינע איז זוכה צו שכר בעולם הנצחי, וואס דאס איז די עיקר שכר. (דברי מהרי"א אסאד הגה"ק מסערדהעל)

נאך א תירוץ: ענטפערט דער הייליגער פרשיסחא, א איד טאר קיינמאל נישט זאגן ער איז שוין א מושלם, א צַדִּיק, ווייל אפילו מען איז געווארן א צַדִּיק דארף מען נאך גיין העכער, ווייל א איד איז א הוֹלֵךְ, און וואס מער ער וועט גיין העכער וועט ער האבן א העכערע פלאץ אין גן עדן, נאך א טעם ווייל חלילה, כל זמן מען לעבט איז מען נישט פארזיכערט מיט די מדריגות! דאס מיינט צֶדֶק, אפילו דו ביזט א צַדִּיק, פונדעסטוועגן צַדִּיק תִּרְדֹּף, גיי העכער, לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ, און פארזיכער זיך מיט א גאר הויכן פלאץ אין גן עדן.

**ווען מעג א קעניג האבן אסאך געלט?**

וְכֶסֶף וְזָהָב לֹא יַרְבֶּה לּוֹ מְאֹד: (יז יז) שטייט אז א קעניג טאר נישט האבן אסאך געלט, דארף מען פארשטיין, אז פארקערט עס איז א טובה ווען א קעניג האט אסאך געלט, ווייל ער קען העלפן זיין פאלק און מדינה, אזוי ווי מען טרעפט אין גמ' (ב"ב יא א) אז **מונבז המלך** -ער איז געווען דער זון פון הליני המלכה און ער האט געהאלפן מיט אסאך געלט פאר בית המקדש השני- ער האט געטיילט כמעט זיין גאנצע פארמעגן פאר אנדערע צו קענען לעבן, און דאס איז געווען א שבח פאר אים!! -אויך קען מען מדייק זיין פארוואס שטייט לּוֹ מְאֹד, און נישט סתם וְכֶסֶף וְזָהָב לֹא יַרְבֶּה?- נאר עס זענען דא צוויי אופנים ווען א קעניג האט אסאך געלט, אויב די תכלית פון זיין פארמעגן איז צו טאן גוטע זאכן מיט דעם, איז דאס לטובה, אבער אויב ער זאמעלט א פארמעגן פאר זיינעט וועגן ווייל ער האט ליב געלט, דעמאלטס איז דא די לַאו פון וְכֶסֶף וְזָהָב לֹא יַרְבֶּה. מיט דעם איז גוט די ווערטער לּוֹ מְאֹד, ווייל לּוֹ, מיינט ער זאל נישט מערן פאר זיינעט וועגן, און מְאֹד, מיינט ווי חז"ל דרשענן "וּבְכָל מְאֹדֶךָ", בְּכָל מָמוֹנְךָ, זעהט מען אז מְאֹד מיינט געלט, אז ער זאל נישט מערן זיין רכוש אלץ געלט, נאר ער מעג האבן אסאך געלט, ווען דאס איז כדי צו טאן מיט דעם גמילת חסדים און צדקה. (המו"ל עפ"י ספר באר שמואל הגה"ק מאונסדארף)

**נר זכרון פאר א מסירת נפש איד אין אמעריקא פאר הונדערט יאר צוריק**

מיין זיידע הרה"ח ר' יצחק הלוי קליטניק ע"ה איז געבוירן געווארן שנת תרנ"ח צו זיין טאטע הרה"ח ר' יהודה זבולון דער שוחט פון שטאט, אין שטאט טעלעכאן נישט ווייט פון קארלין, דער הייליגער פראנקפורטער פלעגט קומען דארט און עס איז געווען א יו"ט דעמאלטס, דער רבי ר' משה מסטאלין פלעגט קומען אפט קיין טעלעכאן און זיך אויך טרעפן מיטן רב פון שטאט הרה"ג ר' יוסף גליק, וואס איז געווען א שוואגער מיט הגאון ר' שמואל וויינטרויב, און האט עוסק געווען אין וועד הישיבות מיט הגאון ר' חיים עוזר גראדזענסקי זצ"ל, מיין זיידע איז געקומען אין אמעריקא אלץ א יונגע בחור פון זעכצן יאר בערך תרע"ד, צו ברענגען געלט פאר די משפחה, אבער די השגחה האט געפירט אז ער איז געבליבן דא, און די משפחה איז אוועק ביי די מלחמה, און אזוי אויפגעשטעלט זיין שטוב מיט מיין באבע מרת פראדל די טאכטער פון הרה"ח ר' אהרן יצחק פילטשיק, למעשה זענען זיי געווען משפחה ווייל ר' יצחק'ס מאמע דינה, איז געווען די שוועסטער פון מאשע פילטשיק, ביידע לבית מאטעצקי. ר' יצחק האט זיך גלייך צוגעשטעלט צו די סטאלינער קאמפאניע אין די איסט סייד אויף 48 ארטשערד סט. און ווען דער הייליגער רבי ר' יעקב חיים דער דיטרויטער זצוק"ל איז געקומען קיין אמעריקא תרפ"ג, איז

ער געווען פון זיינע חסידים, און שפעטער זיך געצויגן קיין וויליאמסבורג, און אין שנת תש"ח איז ער געווען א שטארקער חסיד פון הרה"ק ר' יוחנן זצוק"ל. נאך די חתונה בערך תרפ"ג איז געווען די מצב פון פרנסה אין אמעריקא זייער שוואך, נאך די וועלט מלחמה, און נעבאך זייער אסאך אידן האבן געמוזט ארבעטן שבת, ווייל אויב נישט האט מען זיי אוועקגעשיקט, מיין זיידע פלעגט דערציילן מיט שטאלץ אז ער איז נישט אריינגעקומען צום ארבעט שבת, אלעס מיט אזא תירוץ אז ער האט נישט געקענט קומען, און אזוי פלעגט ער ארבעטן דא און דארטן אפאר וואכן, אבער צו ארבעטן אין שבת איז נישט געקומען אין באטראכט, אויך די כשרות פון פלייש איז געווען שוואך, פלעגן זיי גיין יעדן שטיק צייט צום שוחט און אליין כשר געמאכט די עופות, מיין זיידע און באבע האבן געפירט א שטוב אין אמעריקא אזוי ווי זייערע עלטערן האבן זיך געפירט אין די היים, אן קיין שום פשרות! –ווייל די נסיון פון שבת איז געווען ליידער זייער שווער, האט זיין שוואגער הרה"ח ר' ניסן פילטשיק זצ"ל, געארבעט אלץ א פעדלער –רוכל– וואס האט געקענט ארבעטן זיינע שעות,– ווען עס איז געקומען צו חינוך הבנים איז געווען נאר די בעסטע חדרים, און דער אויבערשטער איז זיי נישט געבליבן שולדיג, און זיי האבן געזען אידישע נחת פון די קינדער, און אויך האט זיי דער אויבערשטער געשיקט שיין פרנסה.

מיין זיידע איז געווען שייף עייל שייף נפיק, געזעצן אין די סטאלינער שול אויף 159 ראדני סט. אין מעריב זייט, א שטילער איד, אבער שטענדיג מיט שמחה און פרייד. הרה"ח ר' שמואל דישון שליט"א האט מיר דערציילט אז ער האט אמאל געזאגט פאר מיין זיידע, וואס איז געווען זיין פעטער, "אונקל איציק", "איך האב געהערט אז עטליכע מענטשן האבן געזאגט ליגן"! האט מיין זיידע אים געזאגט: "איך ווייס נישט ווי אזוי קען א איד זאגן ליגענט"! ווען ער האט זיך די לעצטע יארן געצויגן קיין בארא פארק האט ער זיך אביסל געעפנט און פלעגט פארברענגען מיט די בחורים און יונגעלייט און דערציילט סיפורים און עובדות פון אמאל, איינמאל האט ער זיך ארויסגעכאפט אז זיין מלמד האט געלערנט מיט זיי גאנץ תהלים מיט די טייטש, און רע האט דאס געקענט! זיין יארצייט איז א' אלול תשמ"א און ער ליגט אין די סטאלינער חלקה אין מונטיפיורי, דער אויבערשטער זאל העלפן אז דער זיידע וואס האט געהאט מסירת נפש אויף אידישקייט זאל זיין א משפיע אויף אונז ווייטער אנצוגיין מיט מסירת נפש און זען אידישע הייליגע נחת מכל יו"ח אמן.

## מדור העובדות

## ****** דער אפטא רב ברענגט א עולם הערן א מעשה און זיי האבן אלע תשובה געטאן ******

דער הייליגער אפטא רב איז אמאל געפארן אונטער וועגנס און האט זיך אפגעשטעלט אין שטאט מאהלוב, א גרויסער עולם איז געקומען מקבל פנים זיין דעם צדיק, דער אפטא רב האט געזאגט פארן עולם אז ער איז געקומען דא אין שטאט ווייל דא וואוינט מרים, די שוועסטער פון הייליגן רבי ר' שמעלקע מניקעלשבורג זצוק"ל, און עס וואלט געווען כדאי אז זיי זאלן אלע קומען מיט אים און הערן א עובדא פון ר' שמעלקא.

דער עולם איז מיט געגאנגען, אבער אסאך האבן זיך געוואונדערט פארוואס וויל דער אפטא רב דוקא אז א גרויסער עולם זאל מיט קומען! אבער דער עולם איז מיט געגאנגען, און ביים שטוב פון די אלטע פרוי, האט מען אלעמען מכבד געווען, און דער אפטא רב האט געבעטן זי זאל דערציילן וועגן די עבודה פון לערנען ביי איר ברודער, האט זי אנגעהויבן, מיין ברודער פלעגט לערנען יום ולילה און האט זיך נישט געלייגט ביז ער האט ממש נישט געהאט קיין כח און ער האט געהאט א אייזערנעם קריגל מיט קאלטע וואסער וואס ער האט געלייגט אונטער זיין קאפ, און פארשטייט זיך ער האט נישט לאנג געשלאפן, און דער אויבערשטער האט אים געגעבן ווייטער כח און האט געלערנט פלייסיג, און אזוי האט ער זיך געפירט!

איינמאל איז דער ברודער געווען פארטיפט אין א שווערע סוגיא און איז געבליבן אויף עטליכע טעג און נעכט, און זיך נישט געוואלט צולייגן ביז ער וועט ענדיגן, אבער די מידקייט האט זיך געשטארקט, האט ער גענומען די אייזערנעם קריגל און געלייגט זיין קאפ אויפדעם האפענדיג אז ער וועט באלד אויפשטיין און ווייטער לערנען, אבער די מידקייט איז געווען גאר שטארק אז ער איז אזוי טיף געשלאפן, אז די ליכט וואס איז געלעגן לעבן אים, וואס געווענטלאך אויב עס איז געווארן נידעריג האט ער פון דעם אנגעצונדן א ליכט, אבער יעצט האט די ליכט אויסגעברענט ווייל ער איז פארשלאפן!

ווען ר' שמעלקא איז אויפגעשטאנען, און געזען אז עס איז טונקל האט ער פארשטאנען אז ער איז געשלאפן א לאנגע צייט, אבער מען דארף דאך לערנען און געפינען פייער אנצוצינדן א ליכט! ר' שמעלקא האט געוואוינט אויף א הויכע שטאק און פון רוב צוטומלקייט איז ער ארויף אויפן דאך צו קוקן אפשר גייט א מענטש אין גאס יעצט וואס קען אים געבן פייער, און צו זיין גליק, זעהט ער א איד גייט און פרעגט אים צו ער האט פייער? און יענער ענטפערט אז יא, און דער איד שטרעקט אויס זיין האנט און צינט אן דעם ליכט פון ר' שמעלקע, און ער גייט צוריק לערנען,

ווען עס איז אריבער א צייט און ר' שמעלקא איז געווארן בארוהיגט, הויבט ער אן צו טראכטן, ווי קען דאס זיין אז דער איד איז געשטאנען אונטן אין גאס און האט געקענט ארויסשטרעקן זיין האנט ביזן הויכן דאך! ר' שמעלקא האט געמאכט יחודים צו וויסן וואס איז דא געווען? און מען האט אים געענטפערט אז אין הימל איז געווען זייער חשוב זיין לערנען און מען האט געהאט צער פון זיין ביטול תורה, האט מען געשיקט אליהו הנביא אים ברענגען פייער! ר' שמעלקא האט געהאט עגמת נפש פון דעם און האט געמאכט סיגופים א שטיק צייט פארוואס ער האט גורם געווען אז מען זאל דארפן שיקן אליהו הנביא וועגן אים!

האט דער הייליגער אפטא רב זיך אויסגעדרייט צום עולם און געוויינט: אויב פאר אזא זאך וואס איז בכלל נישט קיין עבירה האט ר' שמעלקא געמאכט סיגופים, שטעלט זיך פאר וואס פארא סיגופים וואלט ער געמאכט אויף א אמת'ע עבירה ח"ו, האט דער אפטא רב ווייטער געזאגט: און וואס זאלן מיר זאגן אז מען טוט עבירות און מען איז רוהיג אזוי ווי גארנישט וואלט געווען, און מען מאכט נישט סיגופים! דער גאנצער עולם האט זיך צו וויינט און אלע האבן צוגעזאגט אז מען וועט זיך זייער אכטונג געבן פון זינדיגן חלילה! האט דער אפטא רב זיך זייער געפריידט אויף זייער תשובה, און געזאגט יעצט פארשטייט איר פארוואס איך האב אייך געבעטן קומען מיט מיר צו די שוועסטער פון רבי ר' שמעלקא! זיע"א.

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה,**

ספר עם כמה חתימות הרה"ק ר' יצחק טובי' רובין חתן הדברי חיים מצאנז, 2 פסקים כת"י און חתימות פון הגאון ר' עקיבא איגר, תשובה שתי צדדים און חתימת פון חת"ם סופר, ספר חסידים באזיל שמ"א $2000, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים $2000, ד' ספרים עם הרבה הגהות הגאון ר' ליפמאן ביליצער אב"ד אלטענדארף, אחיו של הגאון ר' עמרם ישי מסערענטש, וחמיו של הגאון ר' מרדכי שטראססער $2000, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש הגהות כת"י א חתימה הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ $800, ספר שו"ת חוט השני עם חתימת הגאון ר' יוסף מטעלז $600 סעט עצי חיים מצב מפואר $800 אוהב ישראל אפטא דפו"ר $2800, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב מאת הגאון ר' אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, מהגאון מראגאטשוב, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, מהגאון ר' ש"ך, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי,

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30,**

**To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM* א**

רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון צו באקומען מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש הגליון מוקדש לעי"נ זקיני הרה"ח ר' יצחק הלוי קליטניק ע"ה א' אלול תשמ"א באשריבן אין דעם גליון, ולעי"נ חמותי הצדיקת אשת מו"ח הרה"צ ר' יוסף זצ"ל מרת שרה טויסיג ע"ה בת ר' חיים אהרן הי"ד ב' אלול תשנ"ב